## איציק מאנגער




הוצאת עמיקם

תשכ״ו

ספר זה יצא לאור
עם הצגת שירי המגילה
בתיאטרון ״החמאם״ בישראל.
להוצאה זו
יוחדה מהדורה מהודרת
בת חמש מאות עותקים
ממוספרת מ־1 עד 500.

דאָס דאָזיקע ביכל איז געווידמעט מיין ברודער
דעם שניידער־געזעלן נאָטע מאַנגער,
מיין סאַמע בעסטן חבר פון די פריעסטע קינדעריאָרן אָן.

***

די „מגילה־לידער“
זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט צום
ערשטן מאָל אין וואַרשע אין יאָר 1936

אין דעם ביכליין שיין פאַרטראַכט | און
גוט געמאַכט | און צום דרוק געבראַכט
זיין פאַראַן | פיר יעדערמאַן | סיי ווייב
סיי מאַן ¦ פיל וואונדערליכע זאַכן צום
וויינען און צום לאַכן | פיל אויסטער־
לישע זאַגן | אויס קיניגין אסתרים
טאַגן | דרום לויפט בעהענדן | אויס
אַלן עקן און ענדן | דאס שיין ביכליין
קויפן | דאָס דער וואַגאַנט | איציק
מאַנגער גינאַנט | אויס וואַלאַכיש לאַנד
מאַג האַבן וואס צום זויפן | אין דעם
זכות | וועט השי״ געוויס | אַל אומ־
גליק פון אונז ווענדן | און געשווינד |
אַלס ווי דער ווינט | משיח בן דוד זענדן
אמן סלה.

פורים, שטעטל און פֿאַנטאַזיע אין
מאַנגערס מגילה

עלעמענטן פֿון פורים-שפּיל:
גראָטעסקער געמאַלן
מיזרח-אייראָפּעיִשע קולטור-עלעמענטן
ניגלעדיק

דאָס שעלמישע מיצל פונעם יידישן פורים־שפיל האָט מיר
כסדר געשוועבט פאַר די אויגן ביים שרייבן דאָס דאָזיקע בוך

# דאָס ליד פונעם לויפער

①

ייט זשע, יידן, שאַ און שטיל!
מיר פאַנגען אָן דעם פורים־שפּיל.

אַ פורים־שפּיל אין גראַמען,
וואָס האָט טויזנט טעמען.

ווער ס'וועט עס ליינען,
וועט ווי אַ ביבער וויינען.

און ווער ס'וועט עס הערן,
וועט לאַכן מיט טרערן.

אַט גייען זיי אַלע שטילע,
די העלדן פון דער מגילה:

אחשורוש דער קעניג,
וואָס וויפל ער טרינקט איז אים ווייניק.

אסתר המלכה, די גרינגע,
און ושתי אין דער קרינאָלינע.

מרדכי דער חכם עתיק
און המן הרשע, דער לאַטעק.

זרש די מכשפה,
וואָס שעלט ווי אַ מגפה.

ויזתא דער רעדאַקטער,
וואָס האַקט אַ טשייניק האַקט ער.

און צווישן די אַלע גרויסע לייט
שטייט פּאַסטריגתא ביי דער זייט.

ער וועט אייך אַליין דערציילן,
וואָס ס'טוט אים נאַגן און קווילן.

הקיצור, די אַלע זאַכן,
אויף צום וויינען און צום לאַכן,

וועט איר אין ביכל געפינען —
נעמט זיי אייך גוט אין זינען!

און אויב איך זאָג אייך אַ ליגן...
הערטס און ווערטס אַנטשוויגן!



## פּאַר וואָס מרדכי הצדיק האָט געפונען חן ביים מלך

„ווער איז דאָס יידל מיטן הארב,
וואָס דרייט זיך אין מלכס טויער
און ווו ס'ריידן און שושקען זיך צוויי,
שטעלט ער אונטער אַן אויער?"

„אוי ביסטו אַ נאַרעלע, קינד,
דאָס ווייסטו נישט אפילו?
מרדכי הצדיק איז דער ייד,
דער ייד פון דער מגילה.

ער האָט געפונען ביים מלך חן,
ביי אונדזער מלך, דעם שוטה,
וואָס שיכורט כסדר טאָג און נאַכט
און האָט אַ נאָז אַ רויטע."

„פּאַר וואָס זשע האָט ער געפונען חן
ביי אונדזער מלך, דעם שוטה,
וואָס שיכורט כסדר טאָג און נאַכט
און האָט אַ נאָז אַ רויטע?"

„דערפאַר, ווייל ר'האָט אַ מאָל ביי נאַכט
אין טויער זיך אונטערגעהערט,
ווי בגתן ותרש האָבן געזאָגט:
— מיר האָבן דעם מלך אין דר'ערד!

ער איז אַ טיראַן, אַ פינסטערלינג,
אַ רוח'ן אין זיין מאַמען!
לאָמיר אים שיטן אין בעכער סם
און לאָמיר אים פאַרסמען. —

אַזוי האָבןביידע אָפּגערעדט
און זענען צעגאַנגען זיך שטילע
און מרדכי האָט דאָס געמסרט אַלץ
מיטן ניגון פון דער מגילה.

איז דער מלך געוואָרן אין כעס
און נישט געהייסן מאַכן קיין שהיות
און הענגען די בונטאַרן די צוויי
אויף צוויי באַזונדערע תליות.

און צו מרדכי הצדיק האָט ער געזאָגט:
— דו מעגסט אין מיין טויער האַנדלען
מיט שנורעוואַדלעס און כשרער זייף,
מיט פּאַסטאַ און מיט מאַנדלען." —

פאַרטראַכט זיך דאָס קינד און די מאַמע שווייגט,
דער אָוונט איז בלאָ ווי אַ תפילה —
און נאָר די פליגן אויף דער וואַנט
זשומען שטיל די מגילה.



## די מלכה ושתי

די מלכה זיצט אין בלויזן העמד —
דער גאָלדענער אינדערפרי
שטיפט מיט אַ שטראַל אין אירע האָר
און לייגט אים איר איבער די קני.

פאַרשעמט זיך די מלכה און זי זאָגט:
„אַוועק, דו עזותניק, דו!
גיי שטיף מיט מיינע דינסטן אין קיך,
נאָר די מלכה לאָז צו רו!"

נאָר דער שטראַל, ווייזט אויס, פאַרשטייט זי נישט,
איר לשון איז אים פרעמד,
אַט רייפלט ער זיך אַרום איר האַלדז,
אַט וואַיוועט ער אין איר העמד.

„אַהי נאַ טעבע!" — זי ציטערט אויף:
ווען ס'וואָלט זיך דערוווּסט איר מאַן,
אַז זי, די מלכה, האָט געשטיפט
מיט אַ פּראָסטן אונטערטאַן,

וואָלט ער... זי שרעקט זיך צו טראַכטן וואָס
און ווערט אַזש גרין און בלאַס:
אַ מאַן אַ שוטה און אַ שיכור דערצו
איז מסוכן אין זיין כעס.

זי גייט צום שפּיגל צו. זי איז שיין.
אַן אַלטער גענעראַל
האָט ערשט זיך דערשאָסן צוליב איר
אין הויף פֿונעם אַרסענאַל.

„אַ שיינע ריינע...“ דער עיקר, אויף היינט
איז די וועטשערע אָנגעגרייט:
יונגע לייטנאַנטס, באַלעט, מוזיק,
שאַמפּאַניער, געלעכטער, פֿרייד.

נאָר המן וועט זיצן אין דער היים,
זי האָט אים מסוכן פֿיינט,
דעם זשוליק, דעם פּאַרוועני, זי פֿילט,
אַז ער איז איר נישט קיין פֿריינד.

„זאָשיאַ!“ — דאָס קאַמערמיידל קומט —
„דערלאַנג מיר דאָס שענסטע קלייד!“
און ושתי הערט נישט, ווי עפּעס אין איר
צעכליפּעט זיך שטילערהייט.



# דעם מלכּס סעודה

זאָגט דער מלך שיכור,
די אויגן פֿול מיט טרערן:
„די מלכּה ושתּי שיינט
ווי דער ליכטיקער מאָרגנשטערן.

צוויי צעפּ ביז די קני
און אַ לייב, ווייס ווי שניי,
און אויגענעס אַ פּאָר,
כאָטש גיי אויס נאָך זיי.“

שמייכלט המן כיטרע:
„פּאַטער קיניג דו מײַן,
לאָז די מלכּה קומען
אַ נאַקעטע צו גײַן.

וועלן די אַלע שׂררות,
די הויכגעשטעלטע פּערשוינען,
זען איר שאַנהייט
און גאַפֿן און שטוינען.“

זאָגט דער מלך שיכור:
„און דאָס איז מײַן באַגער,
די מלכּה זאָל תּיכף קומען
אַ נאַקעטע אַהער!“

לויפן די שטאַפעטן
און קומען צוריק צו גיין:
„דער מלכה ושתי
טוען ווײ די ציין.״

שמייכלט המן כיטרע:
„אדוני קיניג, ניין,
ס׳אַ תירוץ פאַר די בענטשליכט
די מעשה מיט די ציין.״

זאָגט דער מלך שיכור:
„טאָ זאָל מען זי ברענגען!
אַז נישט וועט מען זי
אי שיסן אי הענגען.״

לויפן די שטאַפעטן
און קומען באַלד ווידער,
מיט קלאַפנדיקע ציין
און ציטערנדיקע גלידער.

„די מלכה האָט פאַרריגלט
אויף זיבן ריגלען די טיר
און דורך אַ שפּאַרונע
באַפוילן צו דיר:

דער מלך איז אַ שיכור
און דערצו אַ שוטה,
ער טוט זיך בלויז בלאַמירן
פאַר אַלע פרעמדע לויטע...״

— — — — — — — — —



זאָגט איין שר צום צווייטן:
„ס׳איז שוין צייט צו גיין,
מיין אַלטע קער שוין וואַרטשען,
זי ליגט אין בעט אַליין.״

אַ דריטער נעמט דעם זייגער
פון וועסטלטאַש אַרויס.
טוען אַלע אָן די צילינדערס
און שאַרן זיך שטיל אַרויס...

# ושתים קלאָגליד

וויינט די מלכה ושתי
מיט אַ ביטער געוויין,
וואָס זי מוז אַזוי יונג
פון דער וועלט אַוועקגיין:

„מיין טאַטע איז געוועזן
איין מעכטיקער פּאַן,
האָט זיך מיר פאַרגלוסט
אַ שיכור פאַר אַ מאַן.

מיין טאַטע האָט מיך געוואָרנט:
ניטע, טאָכטער, ניטע!
נעם בעסער פאַר אַ מאַן
דעם כראַביע פון ליטע.

כ׳האָב אים נישט געפאָלגט,
כ׳האָב אים נישט געהערט,
איצט טו איך ליגן
ניין איילן אין דר׳ערד.

כ׳האָב אים נישט געפאָלגט,
איצט טו איך באַצאָלן.
פאַרנעמטס מיין געוויין,
איר בערג און איר טאָלן!



כ׳האָב געפרעגלט איינגעמאַכטס
און אָנגעפילט די סלאָיעס,
איצט מוז איך פאַרלאָזן
מיינע ליכטיקע פּאָקאָיעס.

מיינע ליכטיקע פּאָקאָיעס
מיט די מעשענע בעטן,
די סאַמעטענע קליידער
מיט די טייערע העטן.

דער מלך וועט זיך נעמען
אַ יונג, שיין ווייב
און די ווערעם וועלן עסן
מיין יונג, שיין לייב.

ניטע, תליון, ניטע,
קום נאָך נישט צו גיין,
לאָז מיך נאָך אַ רגע
מיט מיין ווייטאָג אַליין!

לאָז מיך נאָך אַ רגע
מיטן זונפאַרגאַנג!
מיין יונג, שיין לעבן
טוט מיר זייער באַנג.

מיין יונג, שיין לעבן
און מיינע יונגע יאָר,
מיינע גילדענע רינגען
און מיינע גילדענע האָר.

ניטע, תּליון, ניטע
מאַך נאָך נישט נאַכט,
ביז כ'וועל נישט האָבן
כאָטש איין מאָל געלאַכט."

אַזוי וויינט די מלכּה ושתּי
מיט אַ ביטער געוויין,
וואָס זי מוז אַזוי יונג
פֿון דער וועלט אַוועקגיין.



## די מלכּה ושתּי גייט צו דער תּליה

„עסט, ציפּעלע, מיט יענער גאַס
וועט מען די מלכּה פֿירן,
דער מלך האָט זי נעבעך געטאָן
מיט אַ ביטערן טויט שטראַפֿירן."

„אַ מיצווה! אַז דער מלך רופֿט,
האָט זי געדאַרפֿט צו גיין!
און דו, אַ שטייגער, אויף איר אָרט,
וואָלסט אויך נישט געגאַנגען — ניין?"

„געגאַנגען, וואָס רעדסטו, רבֿקה-קרוין?
איך וואָלט ווי אַ פֿויגל געפֿלויגן
און זיך נאַקעט אַוועקגעשטעלט
פֿאַר אַלע שררישע אויגן.

און צום מלך וואָלט איך געזאָגט
פֿעוונע די דאָזיקע ווערטער:
— האָסט גערופֿן, אָט בין איך דאָ,
אחשורוש, מיין באַשערטער.

וואָלט דער מלך מיך איינגעהילט
אין זיין פּורפּור-מאַנטל דעם רויטן
און וואָלט פֿאַרשפּאָרט צו זיין אין כּעס
און הייסן דעם תּליון מיך טויטן."

„פע, דבורה־קרוין, דו רעדסט נישט שיין.
מען טאָר נישט אַזוי ריידן.
אַ מיידל, וואָס רעדט אַזוינע רייד,
האָב איך געהערט פונעם זיידן...״

„מאַכטס אַ ווארע!״ — די מלכה גייט
אַנטקעגן דער שטראָף, דער האַרבער,
און איבער איר יונגן, שיינעם קאָפּ
פליט אַ יונגער שפּאַרבער.

זי גייט מיט שטילע, געמאָסטענע טריט,
נאָר אירע אויגן ריידן
שטיל און טרויעריק צו אַלע די
שניידעריונגען און מיידן:

„איך גיי אויף אייביק אַוועק פון הי,
אויף תמיד אַוועק פון דאַנען,
נאָר אַז ע׳ין וועט שפּילן דעם פּורים־שפּיל,
זאָלט ע׳ין מיך צום גוטן דערמאָנען!״

„מאַכטס אַ ווארע!״ — די מלכה גייט
אַנטקעגן דער שטראָף, דער האַרבער,
און איבער איר יונגן, שיינעם קאָפּ
פליט אַ יונגער שפּאַרבער.



Beautiful vain maiden w/ ogre for a guardian

# אסתר גרייט זיך צום מלך (7)

cf. Vashti on p. 13

אסתר שטייט פאַרן שפּיגל שלאַנק
אין אַ בלאָען סאַמעטקלייד,
די פּערל בלישטשען אויף איר האַלדז
און זי מורמלט שטילערהייט:

„די לצים, די פּורים־שפּילער, זיי
זאָגן, אַז עך בין גרין —
אסור! טאַקע נאָר עך אַליין
ווייס, ווי שיין איך בין.״

ס׳טונקלט, דער אַלטער נוסנבוים
רוישט מיד אין פענצטער אַריין:
„ווו איז דער פעטער, אסתרשי,
האַ, ווו קען ער זיין?״

„דער פעטער?״ — אסתר פאַרדרויטלט זיך —
„ער דרייט זיך אין מלכס הויף,
דאָרט פירן שדכנים פון איבעראַל
די שענסטע בתולות צונויף.

mirror, mirror on the wall

און עך, דו אַלטער נוסנבוים,
וועל אויכעט גיין אַהין.
צ׳וואָר, דו אַלטער נוסנבוים,
אַז עך בין טאַקע גרין?״

טריט. דער פעטער מרדכי גייט
מיטן שירעם אין דער האַנט,
זיין שפּיציקער הויקער שאָטנט זיך
און שפּרינגט פון וואַנט צו וואַנט.

ער קראַצט דאָס בערדל און ער זאָגט:
„נו, אסתרל, ביסט שוין גרייט?
ס'פּאַסט דיר קיינע־הרע, קינד,
דאָס בלאָע סאַמעטקלייד.

דער מלך וועט פרעגן נאָך דיר,
אויסגיין נאָך דיינע טריט,
ווי דו זעסט מיך לעבן, אסתרשי,
און ווי עך בין אַ ייד.

נו, אסתרל, מיטן רעכטן פוס!"...
זיי שאַרן זיך שטיל אַרויס,
דער קליינער פעטער מיטן האָרב
און אסתר, שלאַנק און גרויס.



## מרדכי גייט אַהיים פון אסתרס חתונה

פאַר טאָג. דער אַלטער ר' מרדכי גייט
פון דער חתונה אַהיים בגילופין
און לאָזט דאָס שייגעצל — דעם ווינט —
מיט באָרד און פאות שטיפן.

וואָס דען זשע — ער, אַן אַלטער ייד,
וועט גיין זיך מיט אים שלאָגן?
צי האָבן דען כּוח די אַלטע פיס
אַזאַ לאָבוס נאָכצויאָגן?

דער עיקר איז, וואָס אסתרל איז
מיט מזל די מלכה געוואָרן
און האָט געירשנט די גילדענע קרוין
פון ושתי מיטן האָרן.

ר' מרדכי שמייכלט, ער זעט זיך אין קלויז
אַרומגערינגלט מיט יידן,
ס'בלישטשען אויגן, ציטערן בערד,
משמעות זיי זענען צופרידן.

כאָטש אסתר איז נישט זיין אייגן קינד,
נאָר זיין ווייבס אַ ווייטע קרובה,
וועט זי דעם פעטער און כל ישראל
פון דעסן טון אַ טובה.

און מרדכי הערט, ווי ר׳ גאַדל זאָגט:
„הערטס, יידן, הערטס! פאַר אַ יאָרן,
ווען כ׳בין, ווי מיין שטייגער, סוכות-צייט
צו „אים״ זאָל לעבן געפאָרן,

האָט „ער״ זאָל לעבן צו מיר געזאָגט:
גיי ווייס דעם .אייבערשטנס טבע,
נאָר אַז ר׳ווויל זיינע יידעלעך מציל זיין,
איז נאָר דורך אַ נקבה.״

און ר׳ גאַדל דערציילט... נאָר מרדכי קען
זיינע רייד נישט מער דערהערן,
אָט זענען זיי נאָענט, כאָטש ריר זיי אָן,
און אָט ווייטער נאָך פון די שטערן.

ס׳טאָגט. דער אַלטער ר׳ מרדכי גייט
פון דער חתונה אַהיים בגילופין
און לאָזט דאָס שייגעצל — דעם ווינט —
מיט באָרד און פאות שטיפן.

וואָס דען זשע — ער, אַן אַלטער ייד,
וועט גיין זיך מיט אים שלאָגן?
צי האָבן דען כוח די אַלטע פיס
אַזאַ לאָבוס נאָכצויאָגן?



# די עלעגיע פון פאַסטריגתא

פאַסטריגתא דער שניידעריונג
דרייט זיך אונטער די פענצטער:
„געדענקסטו, אֶסְתּרל, דו האָסט געזאָגט,
אַז איך בין ביי דיר דער שענסטער?

געדענקסטו, אסתרל, דו האָסט געזאָגט,
אַז איך בין ביי דיר דער בעסטער,
פאַר וואָס זשע האָסטו מיך אָפגענאַרט?
זאָג, גיב לשון, אסתר!

געדענקסטו, געדענקסטו יענע נאַכט,
מיר זענען געשטאַנען אין טויער,
ס׳האָט גערעגנט און איך האָב דיר
געזאָגט אַ סוד אין אויער:

לאָמיר ביידע אַנטלויפן קיין ווין
און לאָמיר אַ חופּה שטעלן —
האָסט דעמאָלט געטראָגן אַ סיצן קלייד
און אַ שנירל רויטע קרעלן.

האָסטו זיך פאַררויטלט און געזאָגט:
נו און ער — דער פעטער —
דער פעטער וועט דאָך זיין אין כעס...
איז מילא... מילא... וועט ער.

און מיר האָבן געגעבן זיך די הענט
און אָפּגעשמועסט, וואָס גיכער,
מירצעשעם אויף שבת נאָך שבועות
וועט זיין די חתונה זיכער. פאר וואס?

איצט האָט דיך דער פעטער איבערגערעדט
און די ליגסט אין פּאַלאַץ דאָרטן
און איך האָב פאַרשפּילט מיינע יונגע יאָר
ווי אַ קאַרטאַזשניק אין קאָרטן. ליבעלידער

כ'וואָלט איצט געלאָפן, אסתרל קרוין,
אַראָפּ צום טייך זיך טרענקען,
האָב איך מורא, אַז טויטערהייט
זאָל איך נאָך דיר נישט בענקען. גוזמא

כ'וואָלט זיך געלאָזן, אסתרל קרוין,
וואָגלען אויף אַלע וועגן,
האָב איך מורא, אַז איבעראַל
וועסטו מיר קומען אַנטקעגן.

און וועסט מיר זאָגן דאָס זעלביקע:
„מיין שענסטער און מיין בעסטער" —
פאַר וואָס זשע האָסטו מיך אָפּגענאַרט?
זאָג, גיב לשון, אסתר!"



## טו אסתר המלכה קען נישט שלאָפן

דער קיניג שלאָפט, נאָר די קיניגין
קען נישט אַנטשלאָפן ווערן;
זי קוקט צו די שאָטנס אויף דער וואַנט,
די אויגן פול מיט טרערן.

זי טראַכט פון פאַסטריגתא אַצינד,
דעם שניידער-גנזעלן, דעם בלייכן,
וואָס האָט זי אויף אַן אמת ליב
און קען צו איר נישט גרייכן.

אָט ליגט דער לעצטער בריוו פון אים —
זי שרעקט זיך אים צו נעמען —
ער שרייבט מיט טרערן און נישט מיט טינט,
אַז ער וועט דאָס לעבן זיך נעמען.

און כאָטש זי ווייסט, אַז שוין הונדערט מאָל
האָט ער איר דאָס זעלבע געשריבן,
איז גאָרנישט געשען, געלויבט צו גאָט,
און ער איז לעבן געבליבן.

נאָר דאָס וואָס ער וואָגלט הפקר אַרום
און קען זיך קיין אָרט נישט געפינען,
מאַכט זי טרויעריק — אוי, גאָטעניו, גאָט —
זי וועט נאָך אַראָפּ פון זינען.

אַט שטייט ער, ווי לעבעדיק, פֿאַר איר
מיט די הינטיש-געטרייע אויגן
און זינגט איר צום טויזנטסטן מאָל דאָס ליד
פֿון דער פּאַווע וואָס איז געפֿלויגן.

ליבעליד

זי וויינט, נאָר וואָס העלפֿט דאָס געוויין,
וואָס העלפֿן די אַלע יסורים?
זי איז די מלכּה און נאָר דורך איר
וועט קומען דער נס פֿון פּורים.

בעט זי זיך: פֿאַסטריגתא, פֿאַרשווינד!
טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען, געטרייער!
אמת, דיין נאָדל פֿינקלט ווי גאָלד,
נאָר די קרוין, זי ציט ווי פֿייער.״

באַגרינדונג אין אַנדערע [illegible]

און אסתּר זעט ווי פֿאַסטריגתא גייט,
דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
און זינגט פֿאַר זיך אַליין דאָס ליד
פֿון דער פּאַווע וואָס איז געפֿלויגן.

און מאָרגן וועט זי באַקומען אַ בריוו
(זי וועט נישט וויסן דורך וועמען)
און ער וועט זי סטראַשען ווידער אַ מאָל,
אַז ער וועט דאָס לעבן זיך נעמען.

עס קומט צו פֿליען די גאָלדענע פּאַווע
פֿון אַ פֿרעמדן לאַנד.
האָט זי פֿאַרלוירן דאָס גילדענע פֿעדער
מיט אַ גרויסן שאַנד.



# 11 פֿאַסטריגתא חלומט

פֿאַסטריגתא שמייכלט אין שלאָף,
ער זעט ווי אסתּרל גייט,
אַזוי ווי זי איז געגאַנגען אַ מאָל,
אין אַ פּשוט סיצן קלייד.

זי גייט אַ שטילע, אַ באָרוועסע,
און שמייכלט אים פֿרום אַנטקעגן
און ס'שמעקט איר יונגער, שלאַנקער גוף
מיט גראָז און מאַיאָווע רעגן.

זי בייגט זיך איבער אים און זאָגט:
„זיי מיר מוחל, געטרייער!
די ליבע איז פֿאָרט נישט קיין קלייניקייט,
זי ברענט ווי אַ העליש פֿייער.״

און ער — ער שמייכלט גליקלעך און שטיל:
„גוט וואָס דו ביסט געקומען —
איך האָב פֿאַר בענקעניש און צער
זיך שיִער נישט דאָס לעבן גענומען.

קום, לאָמיר שוין איצט אַנטלויפֿן קיין ווין
און לאָמיר אַ חופּה שטעלן —
איך וועל ווערן אַ מיינסטער דאָרט
מיט דריי אייגענע געזעלן.

און דו וועסט גיין אין סאַמעט און זייד
און וועסט בלויז קאָכן און באַקן
און איך אַליין וועל פאַרוויגן דאָס קינד
און אַליין דאָס האַלץ צעהאַקן."

אַט זיצן זיי ביידע אויפן פערד,
וואָס פאַרמעסט זיך מיט די ווינטן,
אסתר האַלט די לייצעס אין האַנט
און פּאַסטריגתא זיצט פון הינטן.

האָפּ! האָפּ! האָפּ! „אוי, אסתר, איך פאַל" —
נאָר אסתר טוט נישט דערהערן —
טראַך! אַט ליגט ער אויף דער ערד,
צעבלוטיקט די נאָז און דעם שטערן.

ער הייבט זיך אויף, ער סאָפּעט, ער לויפט,
ער וועט זי נאָך אפשר דעריאָגן,
נאָר אסתר פאַרשווינדט אין יענער זייט,
ווו דער טאָג הייבט אָן צו טאָגן.

קרעכצט פּאַסטריגתא טיף אין שלאָף:
„כ'האָב זי ווידער אָנגעווווירן,
די גילדענע פּאַווע האָט ווידער אַ מאָל
אַ גילדענע פעדער פאַרלוירן."



## מרדכי הצדיק דער שתדלן



מרדכי איז מיד. נאָר רק מען קומט:
„ר' מרדכי, טוטס אַ טובה!
די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
איז דאָך עפּעס ענקערס אַ קרובה.

די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
זי קען ביים מלך פּועלן,
ער זאָל מבטל מאַכן דעם גזר,
וואָס ר'האָט אַליין באַפוילן."

ר' מרדכי קרעכצט. אַט שטייען פאַר אים
אין די טויזנטער קרעמערס יידן,
זיי זיפצן: „אַך, טי גאַטעניו,
מען טרייבט אונדז פון די ירידן."

וואָס דאַרף מען מער? דער אַלטער רב
האָט ערשט מיט אים איינגעטענהט:
ס'שיטן זיך גזרות אויף כל ישראל
און מען ווייסט נישט אפילו פון וואַנעט.

אין מרחץ שמועסט מען יאַקבי אַז ער,
ווי הייסט ער דאָרט, המן הרשע...
נאָר אַז די מלכה אסתר, זאָל זיין געזונט,
וועט וועלן — וועט זיין נישקשה.

ר׳ מרדכי שמייכלט: די שונאי־ישראל
זיי זענען מיר וואַזשנע חמורים —
דעם כוח וואָס אסתּר פאַרמאָגט אין העמד
פאַרמאָגן נישט טויזנט גבורים.

ער שטעלט דעם זייגער. מירצעשעם אין דער פרי,
אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן,
וועט ער גיין צו איר דורך דער הינטערטיר
און וועט איר אַן עצה געבן.

און אסתּר — אַ לעבן אויף איר קאָפּ —
זי וועט שוין ביים מלך פּועלן,
ער זאָל מבטל מאַכן דעם גזר,
וואָס ר׳האָט אַליין באַפוילן.

ר׳ מרדכי שלעפט די שטיוול אַראָפּ
און טוט זיך אַ רגע פאַרקלערן
און הערט זיך איין, ווי ס׳בילן די הינט
אַרויף צו די האַרבסטיקע שטערן.



# די מלכה קומט צום מלך

אַז דער מלך שלאָפט,
שלאָפט ער דאָך נישט אַליין,
ס׳קומט די מלכה אסתּר
אין העמד צו אים צו גיין.

זי קריכט צו אים אַרונטער
אונטער דעם איבערבעט,
קיצלט אים אונטער דער פּאַכווע
און חנדלט זיך און רעדט:

„צי איז דאָס, אַ מלך, אַ תּכלית,
צי האָט עס, אַ מלך, אַ טעם,
אַז המן, אָט דער רשע,
איז דער גאַנצער יאַ־טעבי־דאָס?

אויב כ׳האָב, אַ פּאַטער קיניג,
ביי דיר געפונען חן,
טו זשע מיר די טובה! —
דו ווייסט שוין, וואָס איך מיין...״

פאַרכליסנעט זיך דער מלך:
„אסתּרל, הער שוין אויף!
אָט דער רשע המן
וועט האָבן אַ וויסטן סוף.

ער וועט ביי מיר שוין הענגען
אין אַ שיינעם אינדערפֿרי,
טאַ הער שוין אויף צו קיצלען,
אסתרל! כי, כי, כי...״

אין דרויסן איז אַ רעגן,
אין דרויסן איז אַ ווינט,
דער ווינט זאָל האָבן שכל,
וואָלט ער אַוועק געשווינד

און אַנגעזאָגט די בשורה
דעם פֿעטער אין דער היים —
דער פֿעטער האָט אַ הויקער
און אַן אָפּגעברענטע ברעם.

בייגט זיך צו איר דער מלך:
„אסתרל, איך באַגער...״
טוליעט זי זיך נענטער:
„פֿאַטער קיניג, איך הער...״

און ער האַלדזט זי און ער קושט זי
ביזקל אַ זייגער צוויי
און זי ווערט אַנטשלאָפֿן טרויעריק
— — — — — — — — — — — —
ויהי... ויהי בימי...



## פֿאַסטריגתא שיקט אַ גרוס מיט די פֿייגל

פליטס, פֿייגעלעך, פֿליטס, געטרייע,
אויף דער מלכה אסתרס דאַך,
און זינגטס אַזוי לאַנג, געטרייע,
ביז זי וועט ווערן וואַך.

דערציילט, אַז איר האָט מיך באַגעגנט
וואָגלען אין מיטן וועג —
אַ רעפּטל ברויט אין דער טאָרבע —
דאָס איז מיין גאַנצער פֿאַרמעג.

און פֿרעגט זי, דערציילט איר, געטרייע,
וואָס כ׳האָב צו אייך געזאָגט,
צו אייך און צו אַלע ווינטן,
אַז ווען איך וואָלט פֿאַרמאָגט

צום רעפּטל ברויט אין דער טאָרבע
און צו דער נאָדל אין לאַץ
די שיינע אסתר המלכה —
הער איך די וועלט ווי די קאַץ.

נאָר ווי האָט געזאָגט פֿאַנפֿתא,
מיין אַלטער מייַנסטער, אַ מאָל —
אַ מענטש וואָס בענקט איז שטאַרקער
פֿון אייזן און פֿון שטאָל.

גערעכט איז טאַקע דער מיינסטער,
ס'איז פּערל זיין יעדעס וואָרט,
די בענקשאַפֿט האָט מיך פֿאַרטריבן
און טרייבט מיך פֿון אָרט צו אָרט

פּליטס, פֿייגעלעך, פּליטס, געטרייע,
צו דער מלכּה אסתּרס דאַך
און זינגטס אַזוי לאַנג, געטרייע,
ביז זי וועט ווערן וואַך.

און טאָמער זעט איר, געטרייע,
די מלכּה לאָזט פֿאַלן אַ טרער,
כאַפּטס די טרער אויף די פֿליגל
און ברענגט זי צו מיר אַהער.

אַ טרער פֿון אַ ווייטער געליבטער
איז אויך אַ שטיקל פֿאַרמעג,
זי מאַכט אי גרינגער אי שווערער
דאָס איינזאַמע וואַגלען אין וועג.



# המן טעלעפֿאָנירט צו ויזתא אין דער רעדאַקציע

„האַלאָ, ויזתא, דער טאַטעשי רעדט
— קרייץ-הימל-דאָנערוועטער! —
איך האָב אַ נייעסל, מיין קינד,
פֿאַר דיינע „נאַרישע בלעטער".

דער מלך, זאָל לעבן, איז פֿאַר נאַכט
אין מאַרק אויף יאַגד געגאַנגען
און, ווי זיין שטייגער, פֿליגן געכאַפּט
און גראַד די צענטע געפֿאַנגען.

איז צווישן די יידישע יאַטקעס אַפֿיר
אַ צעשויבערטער ייִנגערמאַן
מיט אַ קניפּיקל אין דער האַנט
און אַ געשריי געטאָן! „דו טיראַן,

גיב מיר תּיכּף מיין אסתּרל אָפּ,
אַז נישט זאָג גיך אָפּ ווידוי!
אַ מלך ביסטו? אַ שאַרלאַטאַן!
אַ ממזר בן הנידה!"

איצט ליגט דער מלך אין שפּיטאָל
און דער חבֿרהמאַן אין קייטן;
פֿאַרשטייסט אַליין, ויזתא, מיין זון —
מען דאַרף די ידיעה פֿאַרשפּרייטן,

אַז דאָס האָבן זשידעס אָנגעשטעלט,
צו נעמען דעם מלך ס'לעבן —
און אַז דער מלך וועט קומען צו זיך,
וועל איך אים אַן עצה געבן:

אדוני מלך, מיין קלוגער האַר,
מען דאַרף די יידן אויסקוילן.
זיי זענען דאָך אַלע געקומען אַהער
פון ליטע און פון פוילן.

און דו וועסט זען, ויזתא, מיין זון,
אַז פאַר אַלע מיינע יסורים
וועלן די זשידעס היינטיקס יאָר
האָבן אַ וויסטן פורים."

שמייכלט ויזתא: „יעס, פּאַפּאַ,
דו קענסט דיך אויף מיר פאַרלאָזן,
די זשידעס וועלן שוין שפּרינגען ביי מיר
אַזוי ווי דערשראָקענע האָזן."

און ער זעצט זיך ביים שרייבטיש אַוועק
און לאַכט צו זיך און רעדט
און ס'שמייכלט פון דער וואַנט אַראָפּ
דעם מלכס קלוגער פּאָרטרעט.



## דער מיינסטער פאָנפּתא האַלט אַ הספד אויף פאַסטריגתא

אַ כאַפּטע שניידערס זיצן אין שענק,
פון דער חברה „נאָדל און שער",
שטייט אויף דער אַלטער פאָנפּתא
און ווישט אָפּ פונעם אויג אַ טרער:

„איך האָב דעם שניידער-געזעלן
פאַסטריגתא גוט געקענט —
ער האָט געהאַט אַ האַרץ אַ גאָלדנס
און צוויי גאָלדענע הענט.

ביי אים איז די נאָדל געפלויגן
שנעלער נאָך פונעם ווינט,
האָב איך אים גערעדט אַ שידוך
מיט טאָקע מיין אייגן קינד.

אַן עלטער מיידל אַפילו
מיין חנה-דבורה — איר ווייסט —
נאָר אַ שטילע טויב, אַ געטריייע,
מיין אויג אין קאָפּ, מיין טרייסט.

האָט ער מיר געענטפערט: מיינסטער,
ס'זענען אומזיסט די רייד,
כ'וועל נעמען די מלכה אסתר
אַזוי ווי זי שטייט און גייט.

און כ׳וועל מיט איר אַנטלויפֿן
און שטעלן אַ חופּה אין ווין —
זע איך דאָך, אַז דער בחור
איז בפירוש אַראָפּ פֿונעם זין.

גיי ריכט זיך, אַז ער וועט באַפֿאַלן
דעם מלך אין מיטן מאַרק
מיטן קניפּיקל — מיין מתנה —
און וועט אים סקאַליטשען דעם קאַרק.

נאָר, אַז מען איז מורד במלכות,
— ווייסט איר דאָך אַלע אַליין —
מוז מען געקאָוועט אין קייטן
דעם גאַנג צו דער תליה גיין.

נו, איז ער טאַקע געגאַנגען
און האָט געזונגען דאָס ליד
פֿון אסתּר המלכּה, דער שיינער,
און דער גילדענער פּאַווע, וואָס פֿליט.

דעם אָרעמען שניידער-ייִנגל
איז נישט געווען קיין גליק באַשערט,
טאַ לאָמיר אים ווינטשן, מיינסטערס,
אַז ס׳זאָל אים כאָטש גרינג זיין די ערד.״

אַזוי טענהט דער אַלטער פּאַנפּתא
צו דער חברה „נאָדל און שער״
און ווישט אָפּ פֿון די אַלטע אויגן
מיטן אַרבל די צווייטע טרער.



## דער מלך אחשורוש נאָכן אַטענטאַט

דער מלך שטייט אין די גאַטקעס
ביים אָפֿענעם פֿענצטער און טראַכט:
אַזוי פֿיל ליכטיקע שטערן
פֿאַרמאָגט די זומערנאַכט.

ער אָטעמט טיף: ס׳אַ מחיה
צו לעבן אויף דער ערד,
צו טרינקען וויין און צו הורן
און פֿאָכען מיט דער שווערד.

אוי, וואָס וואָלט געווען, אַ שטייגער,
ווען דער משוגענער יונגערמאַן
וואָלט אים אויף טויט דערהרגעט
— וואָס וואָלט געווען דאַן?

ער וואָלט אַצינד געלעגן
ניין איילן טיף אין דר׳ערד
און וואָלט נישט געזען די שטערן
און די פֿייגל נישט געהערט.

זיין אסתּר וואָלט אפֿשר געגאַנגען
אַ יאָר אין טרויער געהילט.
און אפֿשר נישט? — אפֿשר תּיכף
מיט אַ צווייטן אַ ליבע געשפּילט.

צו אים וואָלט געקומען בלויז ושתּי:
„ס׳קאַצל קומט, מיין מאַן!
וואָס מאַכט עפּעס מיין קאַנאַריקל
און ווער שפּילט אויף מיין פּאַרטעפּיאַן?”

ער שווידערט. געדעכט איז המן,
מען דאַרף טאַקע מאַכן אַן עק.
מאָרגן נאָך, ניין — טאַקע תּיכף
שיקט ער די בריוו אַוועק.

און זאָלן נישט מיינען די זשידעס,
אַז ס׳איז זיי אַ פּורים־שפּיל —
ער פאַרמאַכט פאַמעלעך דאָס פענצטער:
די לופט ווערט פייכט און קיל.

ער זעצט זיך אַוועק ביים שרייבטיש
און אָטעמט שווער און טיף,
ער שפּייט אַריין אין טינטער
און חתמעט אונטער די בריוו.

# מרדכי קומט צו אסתר המלכה

אסתר המלכה זיצט פאַר נאַכט
און לאַטעט דעם מלכּס העמד:
וואָס איז זי געווען, מישטיינס געזאָגט?
אַ יתומה אין דער פרעמד.

האָט זיך די מאַמע פאַר איר געמיט
און דער פעטער האָט זי געבראַכט
צום מלך טיפּש און האָט זי
פאַר דער גלאַוונער מלכּה געמאַכט.

איצט האָט זי דאָ פון כּל הגוטס,
זי באָדט זיך אין מילעך און וויין —
און דער מלך איז גינציק צו איר,
וואָס גינציקער קען נישט זיין.

— פוק, פוק! — דער פעטער מרדכי קלאַפּט
און עפנט פאַמעלעך די טיר:
„אסתרל, גוט וואָס דו ביזט אליין,
כ׳האָב עפּעס נייעס פאַר דיר.”

פרעגט זי: „אפשר דעם פעטערשי
דערלאַנגען אַ גלעזל טיי?
אין דרויסן זאַווערוכעט היינט
אַ רעגן מיט אַ שניי.”

„מילא!" — דער פעטער מרדכי זיפצט —
„אוי, אסתרל, ס'איז נישט גוט:
דעם פאַרצנטן אדר, פּורים־צייט,
וועט זיך גיסן יידיש בלוט."

אסתר שווייגט. זי ווייסט אַליין,
אַז דער מלך איז אין כעס,
זינט פאַסטריגתא, דער שניידעריונג,
איז אים באַפאַלן אין גאַס.

און המן רוימט אים כסדר איין
— זשיד און זשיד און זשיד —
אַ סימן: פאַסטריגתא אַליין
איז אויך געווען אַ ייד.

זאָגט מרדכי שטיל: „זע, אסתרשי קרוין,
גרייט בעסער דעם תענית אָן,
כ'האָב מיטן שטן אָפּגערעדט,
ער וועט דאָס זייניקע טאָן."

ער רוימט איר שטיל אין אויער אַ סוד:
„וועסט, אסתרל, זען, צי ניין,
מיר וועלן נאָך, מיטן אייבערשטנס הילף,
דעם פורים אַ טענצל גיין."

אסתר פיבערט. פון אירע הענט
גליטשט זיך אַרויס דאָס העמד,
זי פילט זיך איצטער ווידער אַ מאָל
אַ יתומה אין דער פרעמד.



## המן הרשע קען נישט שלאָפן

„וואָס שלאָפסטו נישט, המן, אַ קלאָג צו דיר?"
„איך קען נישט שלאָפן, ניין!
קוים ווער איך אַנטדרימלט. קומט מרדכי, דער זשיד,
אין חלום צו מיר צו גיין.

ער שטעלט מיר אַרויס אַ לאַנגע צונג:
— נו המן טאַטעלע — וואָס?
דראַפּעסט זיך אויף די גלייכע ווענט
און בלייבסט מיט אַ לאַנגער נאָז.

און ער זאָגט אַ שפּרונג — כאַל, כאַל, כאַל, כאַל —
און גיסט זיך אָן פון דער פלאַש
אַ קעלישיק בראַנפן און פאַרבייסט
מיט אַ הייסן המן־טאַש.

— פאַר דיין מפּלה, המנשי קרוין,
צי דו ווילסט יאָ, צי ניט —
און ער פאַנפעט אונטער דער קרומער נאָז
אַ ליד פונעם „פּינטעלע ייד".

שריי איך: אַרויס פון מיין חלום, זשיד!
זאָגט ער מיר: כ'האָב איך אין דר'ערד!
ווער ווענען האָט עס אַרומגעפירט
אין מאַרק אויפן מלכס פערד?"

„אוי, המן מיין מאַן, אַ קלאָג צו דיר,
ביזט דאָך גאָר אַ וואַזשנע כלאָפּ,
אַבי האָסט מיין טאַטן צוגעזאָגט,
אַז דו האָסט אַ מיניסטער־קאָפּ.

אַז ס׳קען אַ קליינער, פֿאַרכאַטער זשיד
דיך פֿירן אַזוי ביי דער נאָז —
מעגסטו שוין קייען, המן מיין מאַן,
פֿאַלאַווע, שטרוי און גראָז.״

„אוי, זרש מיין ווייב, הער אויף, הער אויף,
שטעל אָפּ דיינע ניין מאָס רייד!
וואָס קאָן איך טאָן, אַז די מלכה גייט
אין ספּאָדיק און נישט אין קלייד?״

„טאָ שאַרט מען זיך צו דער מלכה צו,
המן, דו נאַרישער כלאָפּ,
מען מאַכט איר חנדעלעך, ביז מען פֿאַרדרייט
דער נאַרישער מלכה דעם קאָפּ.״

„ביסט טאַקע גערעכט, אוי, זרש מיין ווייב,
כ׳בין טאַקע אַ לעקיש־בער,
אָט דאָס מיט דער מלכה איז אַ פּלאַן —
דערלאַנג מיר די הויזן אַהער!״

און המן שמייכלט: „וואַרט, מרדכי, דו זשיד,
ס׳וועט נאָך זיין צו דיר אַ קלאָג!״
און מיט טויזנט שפּערלען אין עפּלסאַד
צעזינגט זיך אַ יונגער טאָג.



# המן דרייט זיך אין מלכס הויף

העטרע, דעם מלכס אַלטער סטרוזש,
קערט דאָס מיסט צונויף —
זעט ער ווי המן הרשע גייט
אַרום אין מלכס הויף.

קראַצט דער סטרוזש די פּאַטילניצע:
פֿאַן האַמאַן איז אויפגעבראַכט —
די צייכנס אונטער די אויגן, מען זעט,
מינאַסטאָס נישט געשלאָפֿן די נאַכט.

נעמט דער אַלטער ס׳היטל אַראָפּ:
„אַ גוט מאָרגן דעם האַר!
מיר האָבן דאָ נעכטן אַ ביסל געהאַט
עגמת־נפש און צער.

מיצי, דער מלכהס קעצל, איר ווייסט,
האָט, מיר נישט דיר נישט, קראַפּירט.
איז וויי, וואָס די מלכה האָט געוויינט
און וואָס זי האָט פֿאַרפֿירט.״

דרייט המן די שוואַרצע וואָנצעס ביין;
„טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען, פֿערד!״
און ער שפּרייזט איבערן הויף אַרום
און קלינגט מיט שפּאָרן און שווערד.

און המן זעט, ווי די מלכה אליין
עפנט דאָס פענצטער אויף
און גיסט דאָס זילבערנע נאַכטגעשיר
אַראָפּ אין מיטן הויף.

זאָגט המן הויך: „דער מלכה אַ דאַנק
פֿאַר אָט דעם וואַשנעם לוין!"
און שטיל צו זיך: „די זשידוווקע שלאָפֿט
אַפֿילו אין דער קרוין."

אסתר שטייט צעטומלט, פֿאַרווירט,
מיטן נאַכטגעשיר אין דער האַנט:
„אַ גוט מאָרגן צו המן, דעם האַר,
און זאָל אים זיין באַקאַנט,

אַז מירצעשעם שאַביים־צונאַכטס
מאַך איך אַ מאַסקנבאַל
און ער איז אויך פֿאַרבעטן דאָרט —
ס'וועט זיין אין גרויסן זאַל."

און אסתר מאַכט דאָס פענצטער צו
און המן שטייט און לאַכט:
„פֿאַ, דו שיינע עסטערקע, פֿאַ —
ביז שבת אויף דער נאַכט..."



# פֿאָנפֿתא מיט זיינע געזעלן נייען פֿאַר המן אַ מונדיר

דער אַלטער מייַנסטער פֿאָנפֿתא
שטייט מיטן קריידל אין האַנט:
ס'עט שניידן די אַרבל סקאָסנע,
אַז נישט וועט פֿעלן געוואַנט.

און צו די געזעלן זאָגט ער:
„נו, חברה, טומט ענק אַ ריר!
אויף מאָרגן מוז פֿאַרטיק ווערן
המנס נייער מונדיר."

בלישטשען די נאָדלען און זינגען
— ס'איז צוויי אַ זייגער ביי נאַכט —
פֿאַרטראַכט זיך דער אַלטער מייַנסטער
און אָט פֿון וואָס ער טראַכט:

די מלכה אסתר, זאָל לעבן,
מאַכט מאָרגן אַ מאַסקנבאַל
און המן איז אויך פֿאַרבעטן
— צי קען נישט טראַסקען די גאַל?

דער דאָזיקער רשע, המן,
וואָס שיט מיט גזרות און שיט —
ס'מוז דאָך אַפֿילו אָרן
אַ משומד, נישט נאָר אַ ייד.

צעזינגט זיך לאזער דער לאנגער:
„אזוי איז די מעשה געווען —
א שניידעריונג האט אין שפיגל
די מלכה אסתר דערזען.

האט ער געזאגט צו דער מלכה:
— קום לאמיר אנטלויפן קיין ווין
און לאמיר פארזעצן דעם דלות
און קויפן א זינגער-מאשין.״

זיפצט דער מיינסטער: „די חברה
האבן א לידל פארפאסט
אויף דעם ארעמען פאסטריגתא,
ווי פאר שניידעריונגען פאסט.״

פליען און בלישטשען די נאדלען
— ס'איז שוין א זייגער פיר —
און מארגן מוז פארטיק ווערן
המנס נייער מונדיר.

אין דרויסן דאס לערן-ייִנגל
צעפאבעט דאס פרעסל אין הויף,
פליען די פונקען און גליען
און בריען די נאכט אין איר לויף.



Prodic Faust

## (22) מרדכי הצדיק ווארט אויפן שטן

דער אלטער ר' מרדכי זיצט פאר נאכט
ביי זיך אין אלקער און ווארט:
צי האט נישט דער שטן, ימח שמם,
אים חלילה אפגענארט?

ר' מרדכי (ס'בלייבט דערווייל א סוד)
האט מיטן שטן אפגערעדט,
ער וויל אים ווייזן, ווי אזוי מען דארף
א שטופ טאן המן צום בעט,

וו זי, די מלכה, זאל זיין געזונט,
וועט ליגן ניבעטא קראנק
(ר' מרדכי איז נתפעל פון זיך
פאר אט דעם וואזשנעם געדאנק).

אז דער מלך וועט דאס דערזען,
וועט ער ווערן מלא כעס
און וועט א געשריי טאן אויפן קול:
„האמאן, וואס איז דאס?

טשעפעסט זיך צו דער מלכה גאר?!
טא ליג זשע טיף אין דר'ערד!״
און צו מרדכי הצדיק געווענדט:
„דאס איז דאך אונערהערט.״

און המן (מרדכי איז זיכער אין דעם)
וועט שוין האָבן אַ וויסטן סוף —
ער פאַרמאַכט די אויגן און זעט בחוש,
ווי מען הענגט דעם רשע אויף.

און ער זעט בחוש, ווי דער אַלטער רב
קריכט אויף די גלייכע ווענט:
„גראַגערטס, יידן, שטאַרקער, געוואַלט!
דער רשע איז געוואָרן פאַרלענדט!"

נאָר ער — ר' מרדכי — וועט געלאַסן און שטיל
אַ זאָג טאָן: „דעם אייבערשטנס נס,
ווי ער האָט דאָס רעדל איבערגעדרייט
כמעט אין איין מעת-לעת."

נאָר ווו איז דער שטן, ימח שמם?
ר' מרדכי זיצט און וואַרט
און אפשר האָט דער לאַבוס — הא —
אים ווידער אָפּגענאַרט?

ער האָט בפירוש (ס'בלייבט אַ סוד)
מיטן שטן אָפּגערעדט,
כדי אים צו ווייזן, ווי אַזוי מען דאַרף
אַ שטופּ טאָן המן צום בעט.



## דער מיינסטער פּאָנפּתא גרייט זיך צום תענית

דער אַלטער מיינסטער פּאָנפּתא
זיצט ביי דער ניימאַשין
און טרויעריק-שווערע מחשבות
קומען אים אויפן זין.

דער אַלטער רב ר' גדליה
האָט היינט אין שול געלייענט
דעם כתב פון דער מלכה אסתר
און האָט זיך דאַביי צעוויינט.

„יידן" — אַזוי שרייבט די מלכה —
„איך בין איצט גוזר אויף אייך,
אַז ע'ן זאָלט אַלע פאַסטן,
סיי אָרעם און סיי רייך.

אין דעם זכות וועט המן הרשע
ליגן טיף אין דר'ערד
און וועט פאַרשפּאָרן צו שניידן
ביי פרומע יידן די בערד.

אין דעם זכות וועלן יידן עסן
המן-טאַשן מיט מאָן
און אונדזערע פורים-שפּילער
וועלן האָבן וואָס צו טאָן."

זיפצט דער אַלטער מיינסטער:
גיי טענה אָבער מיט זיי,
זיי האָבן באַהאַלטן די נאָדלען
און געוואָרפן דאָס געניי:

„מיר ווילן נישט פאַסטן, מיינסטער.
ניין! און צען מאָל ניין!
און טאָמער קומען די רוצחים —
וועלן מיר ברעכן אַ ביין.“

דער אַלטער מיינסטער פאַנפאַטא
זיצט ביי דער ניימאַשין
און טרויעריק-שווערע מחשבות
קומען אים אויפן זין:

זיין פלוניתטע שרה-גיטל
איז שוין זינט יאָרן טויט,
און זיין טאָכטער חנה-דבורה
פאַרזיצט אַן אַלטע מויד.

און זיי, די שניידעריונגען,
האָבן נאַרישקייטן אין זין —
צעוויינט זיך דער אַלטער מיינסטער
איבער דער ניימאַשין.



## די מלכה אסתר פאַסט

אסתר המלכה איז בלייך און מיד
און ציטערט ווי אין פיבער:
געלויבט צו גאָט, נאָך דריטהאַלבן שעה,
און דער תענית איז אַריבער.

דער מלך האָט זי היינט געפרעגט:
„וואָס איז דיר, אסתרל? זאָג!
דו גייסט אַרום פאַרמאַטערט און בלייך,
און ס'איז דווקא אַ שיינער טאָג.“

איז גיי דערצייל דעם מלך, דעם נאַר:
— אדוני מלך, דו ווייסט?
ס'איז אסתר-תענית און איך פאַסט,
ווייל דער פעטער מרדכי הייסט. —

הלוואי זאָל עס זיין צום גוטן, הלוואי
זאָל עס אויסגיין צו המנס קאָפּ!
ווי ער מאַכט איר חנדלעך, דער הולטיי,
דער שאַרלאַטאַן, דער זשלאָב.

„מלכה, זי שיינען אַזוי ווי די זון,
אַזוי ווי דער מאָנד און די שטערן“ —
און יעדעם וואָרט איז ביטרע און פאַלש
און זי מוז דאָס אַלץ אויסהערן.

ווייל ס'וויל דער פעטער אזוי, ער זאָגט :
„לאָז אים נאָר בילן, מיין קינד —
אַ יעדעס וואָרט פון אַזאַ רשע ווי ער
איז מער נישט ווי שפריי אויף ווינט.

דער עיקר : <u>אין דער מגילה שטייט</u>
(אַזוי זאָגט ער שטילערהייט),
אַז המן הרשע וועט נאָך זיין
אַ חוזק פאַר קינד און קייט."

אַזוי זאָגט דער פעטער מרדכי צו איר
— און דער פעטער מרדכי ווייסט —
און די מלכה טוט אַלצדינג,
ווי דער פעטער מרדכי הייסט.

אַט האָט זי פאַראַטן דעם שניידעריונג,
ווייל דער פעטער האָט געוואָלט,
און פאַסטריגתא איז דאָך געוועז
אַ שניידער־יינגל אַ גאָלד.

אַט פּאַסט זי היינט פון גאַנץ קאַיאָר,
ווייל דער פעטער מרדכי הייסט —
דער פעטער איז אַ חכם אַ ייד
און דער פעטער מרדכי ווייסט.



# המן גרייט זיך צום באַל

המן שפּאַנט אַרום נערוועז :
ס'איז שוין באַלד זייגער אַכט
און ס'האָט דער שניידערוק דער זשיד,
דעם מונדיר נישט אָפּגעבראַכט.

זאָגט זרש : „ניטע, המנשי קרוין,
זיי נישט אַזוי צעשטרייט —
די סעודה פאַנגט אָן זייגער צען,
וועסט נאָך קומען צו דער צייט.

דער עיקר איז — באַטראַכט זיך גוט,
ווער און וואָס און ווען —
די מלכה, זאָגן די ווייבער אין מאַרק,
איז אַ פייער, אַ ברען.

זיי זאָגן אפילו, אַז זי האָט
אַ יעדן פרייטאָג ביי נאַכט
מיטן שטן אַ ראַנדעוווּ
און ס'איז נישט אויסגעטראַכט.

וואָס דאַרפסטו מער, אַט איך אַליין
האָב דיך אין חלום געזען :
אַט ביסטו געשטאַנען נעבן איר בעט
און אַט — ביסטו נישט געווען.

פרעג איך ביים גורל־ווארפער באשייד,
זיפצט ער שטיל און זאגט:
ס'זיצט אן אלמנה אויפן שטיין,
זי יאמערט און זי קלאגט.

בעט איך אים: פאטערל, זאג, דערציייל,
באשייד מיר, וואס דאס באטייט!
ברומט ער: ווארט נאך צו א ווייל,
ס'איז נאך נישט געקומען די צייט."

המן שפאנט ארום נערוועז:
„אוי, זרש מיין ווייב, שוויינ שטיל!
נאר רק דו גייסט מיר נאך פוסטריט
און מאלסט אזוי ווי א מיל.

און דא איז היינט דער מאסקנבאל
און די מלכה זיצט און ווארט —
צו דעם דאזיקן טאג, דעם יום הדין,
האב איך פון לאנג געגארט.

מען קלינגט. גיי עפן, מיין ווייב, די טיר,
ס'איז דער שניידער מן הסתם"...
און המן הערט, ווי פאנפתא זאגט:
„קיסע די האנט, מאדאם!"



# דער מלך איז אין כעס



ער מלך שנייצט כסדר די נאז
— א סימן, אז ער איז ביין —
און ער טענהט צו זיך אליין:
„גיי זיי א חכם און ווייס,

אז המן, מיין ערשטער מיניסטער, איז
איין אויסוואורף דער נאטור, —
ס'האט ער געמיינט, אז אסתרשי
איז טאקע זיינס א הור?"

א שטיקל גליק, וואס מרדכי דער ייד
איז געקומען היינט ביי טאג,
פארשטויבט, פארסאפעט און פארשוויצט
און צו אים געטאן א זאג:

„פאטער קיניג, זע, האלט אן אויג
אויף המנען היינט ביי נאכט —
ער איז נישט אזא צדיק אין פעלץ,
ווי ס'האט זיך דיר געדאכט.

און ער האט געזען — ער זאל אזוי זען
משיח אויפן ווייסן פערד —
ווי המן פאלט אויף אסתרלס בעט
און ר'האט אסתרלס קוויטש געהערט."

דער מלך שנייצט כּסדר די נאָז
— אַ סימן, אַז ער איז בייז —
און ער טענהט צו זיך אַליין
„גיי זיי אַ חכם און ווייס"...

און ער דערמאָנט זיך יענע נאַכט,
ווען אסתּר אין בלויזן העמד
איז געקומען צו אים צו גיין
ווי אַ חלום פון דער פרעמד.

און אַז ער האָט איר צוגעזאָגט:
„אסתּרל, כּי, כּי, כּי —
המן וועט שוין הענגען ביי מיר
אין אַ שיינעם אינדערפרי."

און אסתּרל האָט געשמייכלט זיס
און איז אים געווען אַ ווייב —
ער פילט נאָך דעם ריח פון אירע האָר
און דעם טעם פון איר הייסן לייב.

דער מלך פאַרלייגט די הענט אויפן בויך
— אַ סימן, אַז ער טראַכט:
צי זאָל מען הענגען המן ביי טאָג,
צי אפשר גאָר ביי נאַכט?



## מען פירט המן צו דער תּליה

צ

עפנט די פענצטער,
צעפראַלט די טירן,
מען טוט המן הרשע
איבער די גאַסן פירן.

מען טוט אים פירן,
מען טוט אים ברענגען
אויפן מאַרק צו דער תּליה,
דאָרט וועט מען אים הענגען.

„תּליון, תּליון,
ווייסט דאָך, ווער איך בין —
לאָז מיך כאָטש געזעגענען
מיט מיינע זין!"

„דיינע זין, דיינע זין
וועט מען צו דיר ברענגען
און מען וועט זיי מיט דיר
אין איינעם אויפהענגען."

„תּליון, תּליון,
וויי צו מיינע יאָרן —
איך, וואָס בין כּסדר
אין אַ פיאַקער געפאָרן,

מוז זיך שלעפן צו פוס
און אט די קייטן טראגן,
פאר וואס און פאר ווען —
אפשר קענסטו מיר זאגן?

ניין, דו קענסט מיר נישט זאגן,
אומזיסט דאס פרעגן,
איך זע שוין די תליה,
זי טאנצט מיר אנטקעגן.

איך זע שוין די תליה
און הער שוין די ראבן,
אויפן אלטן צווינטער
זאלט עץ מיך באגראבן.

נאר פארשטאפט מיר די אויערן
— איך טו אייך באשווערן —
אז איך זאל פארשפארן
דעם גראגער צו הערן."

אזוי טענהט דער רשע,
בשעת ער גייט —
און ס'לאכן און שפעטן
קינד און קייט.



## דער מיינסטער פאנפתא פראוועט די סעודה

דער אלטער מיינסטער פאנפתא
ווישט אפ מיטן טיכל די בריל
און זאגט צו זיינע געזעלן
בנעימותדיק און שטיל:

„איז, הייסט עס, המן הרשע
אצינד אין גיהנום א גאסט
און מען פרעגלט אים אין סמאלע,
ווי פאר אזא רשע פאסט.

צוויי געשטופלטע גיהנום-שמשים,
מיט רויטע פאות און בערד,
שמייסן אים אלע מאל אונטער
ווי א פאטשטאווע פערד:

מיט יידן גייט ער זיך טשעפען
און מיט זייער מאכטיקן גאט?
צדוק, שיט אונטער סמאלע
אט דעם דאזיקן אידיאט!"

דער אלטער מיינסטער פאנפתא
ווישט אפ מיטן טיכל די בריל
און ווענדט זיך צו דער טאכטער
בנעימותדיק און שטיל:

„נו, חנה־דבורה, מיין טאָכטער,
דו מעגסט שוין גרייטן צום טיש
די המן־טאַשן, די מאַנדלעך
און דעם סאַמע עיקר — די פיש.״

און ווידער צו די געזעלן:
„נו, חברה, וואָס שטייט עץ שטיל?
מאַכטס אַ לחיים, חברה,
און נעמט זיך צום פורים־שפיל!״

בלישטשען די כוסות און קלינגען:
„לחיים פאַר נאָדל און שער,
פאַר אסתר, דער גרינער מציאה,
און פאַרן מלך, דעם לעקיש־בער!״

נאָר חנה־דבורה, די טאָכטער,
שטייט ביים פענצטער און טראַכט:
וויפל שטערן, אַ שטייגער,
פאַרמאָגט אַזאַ פורים־נאַכט?

## פאַסטריגתאס מאַמע צינדט אָן אַ יאָרצייטליכט

פאַסטריגתאס אַלטע מאַמע
צינדט אָן אַ יאָרצייטליכט
און גרויסע, הייסע טרערן
רינען איבער איר געזיכט:

„אַ יאָר איז שוין פאַרפלויגן,
זינט מיין שפּייזער איז נישטאָ,
נאָר ס'שיינען נאָך אַלץ די שטערן
אויף מיר, דער אַלטער קראָ.

גלייך נעכטן ערשט איז דאָס געווען,
ווי מען האָט מיין קינד געפירט
צו דער תליה, געקאָוועט אין קייטן,
אַ שטיין וואָלט עס גערירט,

ווי ער האָט אין דער לעצטער רגע
נאָך אסתרס נאָמען דערמאָנט —
אַ וועלט דאַרף מען אויספאָרן
צו געפינען אַזאַ בארליאַנט.

אַ וועלט דאַרף מען אויספאָרן
און מען וועט נישט געפינען, ניין,
אַזאַ מין טייערן דימענט,
ווי פאַסטריגתא איז געווען.



געווען ? אוי, טאַטע אין הימל —
געווען... און שוין ניטאָ,
נאָר ס'שיינען נאָך אַלץ די שטערן
אויף מיר, דער אַלטער קראָ.

נעכאַי וואַלט אסתר, די נאַפּקע,
געווען זיין גרוב פאַרלייגט,
זי האָט דאָך אפילו אין תפיסה
אויף אים נישט נאָכגעפרעגט.

אַבי זי פּראַוועט דעם פּורים
— אַ וויסטער פּורים אויף איר —
אויף איר און דעם פעטער מרדכי,
דעם שתדלן, דעם גביר."

פּאַסמאָריגתאָס אַלטע מאַמע
שטייט פאַרן יאָרצייטליכט
און גרויסע, הייסע טרערן
רינען איבער איר געזיכט.

# זוכצעטל


דאָס ליד פונעם לויפער — — — — — — — — — — 9
פאַר וואָס מרדכי הצדיק האָט געפונען חן ביים מלך — — 11
די מלכה ושתי — — — — — — — — — — — — — — 13
דעם מלכס סעודה — — — — — — — — — — — — 15
ושתיס קלאָגליד — — — — — — — — — — — — 18
די מלכה ושתי גייט צו דער תליה — — — — — — — 21
אסתר גרייט זיך צום מלך — — — — — — — — — 23
מרדכי גייט אַהיים פון אסתרס חתונה — — — — — — 25
די עלעגיע פון פאַסטריגתא — — — — — — — — — 27
אסתר המלכה קען נישט שלאָפן — — — — — — — — 29
פאַסטריגתא חלומט — — — — — — — — — — — — 31
מרדכי הצדיק דער שתדלן — — — — — — — — — — 33
די מלכה קומט צום מלך — — — — — — — — — — 35
פאַסטריגתא שיקט אַ גרוס מיט די פייגל — — — — — 37
המן טעלעפאָנירט צו ויזתא אין דער רעדאַקציע — — — 39
דער מיינסטער פאַנפתא האַלט אַ הספד אויף פאַסטריגתא — 41
דער מלך אחשורוש נאָכן אַטענטאַט — — — — — — — 43
מרדכי קומט צו אסתר המלכה — — — — — — — — 45
המן הרשע קען נישט שלאָפן — — — — — — — — — 47
המן דרייט זיך אין מלכס הויף — — — — — — — — 49
פאַנפתא מיט זיינע געזעלן נייען פאַר המן אַ מונדיר — — 51
מרדכי הצדיק וואַרט אויפן שטן — — — — — — — — 53
דער מיינסטער פאַנפתא גרייט זיך צום תענית — — — 55
די מלכה אסתר פאַסט — — — — — — — — — — 57
המן גרייט זיך צום באַל — — — — — — — — — 59
דער מלך איז אין כעס — — — — — — — — — — 61
מען פירט המן צו דער תליה — — — — — — — — 63
דער מיינסטער פאַנפתא פראַוועט די סעודה — — — — 65
פאַסטריגתאס מאַמע צינדט אָן אַ יאָרצייטליכט — — — 67


